מיט בערעניקאַ מיט גרויס פּאַראַד, און זענען אַרייַנ־
געגאַנגען אינעם געריכטסזאַל מיט די הויפּטלייט און
אָנגעזעענסטע מענער פון דער שטאָט, האָט פעסטוס
24 געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל ברענגען פּוילוסן. און
פעסטוס האָט געזאָגט: קעניג אַגריפּאַ, און איר אַלע
מענער, וועלכע זענען (דאָ) אַנוועזנד ביי אונז, איר
זעט דעם דאָזיקן (מענטשן), וועגן וועמען די גאַנצע
מאַסע פון די יידן האָט מיך געבעטן אין ירושלים
און אויך דאָ, שרייענדיק, אַז ער טאָר לענגער נישט
25 לעבן. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט
גאָרנישט געטון, פאַר וועלכן ער זאָל זיין חייב
מיתה; נאָר ווייל ער אַליין האָט אַפּעלירט צום
קיסר, האָב איך באַשלאָסן אים צו שיקן. איך האָב
26 אָבער נישט עפּעס געוויסעס צו שרייבן וועגן אים
צו מיין האַר. דערפאַר האָב איך אים געברענגט
פאַר אייך, און איבערהויפּט פאַר דיר, קעניג אַגריפּאַ,
כדי נאָך דער אויספאָרשונג זאָל איך האָבן וואָס
27 צו שרייבן. ווארום עס שיינט מיר אויס נישט
לאָגיש, צו שיקן אַ געפאַנגענעם, און נישט
אָנצוגעבן די באַשולדיקונגען קעגן אים.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

1 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פּוילוסן: עס איז
דיר דערלויבט צו רעדן פאַר דיר אַליין. דעמלט
האָט פּוילוס אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך
פאַרטיידיקט:
2 איך שעץ מיך גליקלעך, אָ קעניג אַגריפּאַ, וואָס
איך דאַרף מיך היינט פאַרטיידיקן פאַר דיר וועגן
3 אַלעם, וואָס די יידן קלאָגן מיך אָן; איבערהויפּט
ווייל דו ביסט אַ קענער פון אַלע מנהגים און שאַלות